ב) נישט* דער גורן איז דער מתחיל פון די גאנצע מערכה. פארוואס פארגעסט מען אדער מען מאכט זיך פערגעסן: די רבנות התחתית מיום הוסדה טוט די זעלבע אויפגאבע ווי ער, די נפ"מ איז נאר אין די פראצענטער און אין בפרהסיא. די רבנות התחתית האט מייסד געווען נישט ת"ח נישט בני תורה, נישט רבנים, נאר דר' הערצל ימ"ש אליין, אט דער וואס האט זיך געעקעלט צו זיצן – ביים ערשטען קאנגרעס אין באזעל – נעבן די "אסט יודען" מיט זייערע פערשמאלצענע קאפאטעס האט זיך אונטערגעגעבן צו די אנדרייערס זיינע, סאקאלאוו, ווייצמאן, פישמאן א.א. ימ"ש וואס האבן איהם מסביר געווען אז אהן די אסט יודען וועסטו קיין אידישע מדינה נישט האבן, און איבערגעגעבן פישמאנען צו מאכען א "מזרחי" פאסטקע אריינצונארען די אסט יודען. עס איז דאך לכתחילה געמאכט געווארען כדי צו אראבפיהרן אידן פון די תורה איינציגווייז והדברים ארוכים), נאר מיט "שכל", מיט א מהלך, עס זאל "גיין", טא וואס איז דא געשעהן, וואס האט מען זיך אנגעכאפט אין אט דעם וואס איז מפרש דאס וואס מען האט געמיינט פופציג יאר סוף מעשה במחשבה תחילה! האט נאך ר' יוסף חיים זאנענפעלד ע"ה געזאגט אין די התחלה: דער ערשטער רב ראשי איז א כהן דער צווייטער וועט זיין א לוי און דער דריטער הלואי ער זאל זיין א ישראל, און גוזר תענית געווען ביי די התיסדות בהסכם כל גדולי הדור ז"ל, טא וואס איז דא געשעהן דער געוואלט פלוצלונג! דער תירץ איז: מען וויל דאס נישט מגלה זיין דעם סוד, כאפט מען זיך אן אין א משוגענעם צורייצטען טיגער אז ער איז דאס דער גאנצער.

ג) ער* איז גארנישט קיין "שנה ופירש", ער איז נישט "יצא" לתרבות רעה, ער איז קיינמאל נישט געווען "אינווייניג" ממילא האט ער נישט געקענט

---

* ב. לא גורן זה הוא המתחיל של המערכה. למה שוכחים או מתחזים לשוכחים. הרי הרבנות "התחתית" מיום הוסדה עושים בדיוק כמוהו, רק הנפק"מ ביניהם לבינו זה רק באחוזים ובאופן הפרהסיא. את הרבנות הנ"ל לא הקימו בני תורה או רבנים רק הרצל ימ"ש בעצמו. זה האיש אשר נגעל לשבת בקונגרס הציוני הראשון בבאזל ליד יהודי מזרח אירופא עם בגדיהם המשומנים. רק נכנע לשאר המארגנים: סוקולוב, ויצמן, פישמן וכו' ימ"ש שהסבירו לו שבלי יהודי מזרח אירופא השחורים לא יצליח להקים מדינה. ומסר לפישמן שייסד את "המזרחי" כדי לרמות ולהכניס את האדוקים דרך זה לציונות. הרי לכתחילה זה נוסד כדי להרוס את היהדות לאט לאט, והדברים ארוכים. רק זה נעשה בתבונה עם מהלך לא בפעם אחת. נו, אז מה קרה. מה נתפסו לזה שמפרש את מה שהיתה הכוונה לפני 50 שנה, סוף מעשה במחשבה תחילה. הרי הגרי"ח זוננפלד זצ"ל כבר אמר בתחילת יסוד הרבנות: הרב הראשי הראשון הוא כהן. השני יהיה לוי. והשלישי הלוואי שיהיה ישראל. וגזר תענית ביום הווסדה. בהסכם כל גדולי הדור ז"ל. אז מה קרה פתאום שכולם התעוררו, התירוץ הוא: לא רוצים לגלות את הסוד האמיתי. ונתפסים לאיזה משוגע, נמר פרוע לומר שהוא אשם בכל.

* ג. האיש הנ"ל אינו כלל "שנה ופירש" הוא לא "יצא" לתרבות רעה, הוא לא היה אף פעם בפנים ממילא אין לו לאן לצאת. אביו, עוד בהיותו בחור צעיר שלחו לביאליק שיחנך אותו. והימ"ש הלז השפיע עליו שטוב לו שישב וילמד, ושידך לו עשיר מסויים שיתמוך בו בהיותו בישיבה. גדולינו ז"ל כבר ראו מלכתחילה עליו מה שעכשיו נתגלה. אז על מה נתפסו עכשיו, ומה הפלא.

יוסף דעת / ליס, יוסף (עמוד 235) 13676 הודפס מאוצר החכמה